ר׳ גַמְלִיאֵל

קוּמט פוּן דֶער מִלְחָמָה

אַ נַייֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אוּנזֶער אַלְטֶען בֶּעקַאנְטֶען.

פערפאסט

פון י. קאנטער.

אדעססא
בדפוס האחים בלעטניצקי
שנת תרס״ה לפ״ק.

Гамліэлъ возвращается съ войны

соч. *И. Л. Кантора.*

ОДЕССА, 1905.
Типографія Бр. Блетницкихъ, Полицейская № 21.

308

Дозволено цензурою. Одесса, 26 Августа 1905 г.

אִין דֶער צַייט פוּן פְרַייהַייט, הָאבֶּען זִיךְ צוּנוֹיף גֶעקלוֹיבֶּען אַ רֶעדֶעל יוּנגֶע לַייט אוּן הָאבֶּען דֶערצֶעהלט גֶעשִׁיכטֶעס פוּן דִי גֶעוֶועזֶענֶע שְׁלֶעכטֶע צַייטֶען...

אִיךְ וֶועל בְּרֵיינגֶען אֵיינֶע פוּן זֵיי, פוּן דֶעם גֶעוִויסֶען מְלַמֵד גַמְלִיאֵל פוּן קאבּצִינִיוֶוקע מִיט דִי צְוֵויי קִילֶעס אוּן מִיט אֵיין פוּס, אוּנ מִיט אַ קְרוּמֶער הַאנְד. וֶועלכֶער הָאט תָּמִיד גֶעטְרָאגֶען אַיין אָרדֶען אוֹיף אַ גֶעאָרגִיֶעווסקִי לֶיענטֶע, אוֹיף דֶער צוּרִיסֶענֶער לַאנגֶער קאפָּאטֶע... נִיט אוּמזוּסט הָאט עֶר גֶעהֵייסֶען גַמְלִיאֵל, עֶר הָאט קֵיין מָאהל נִיט גֶעזָארגט אוּנ הָאט תָּמִיד גֶעזָאגט: „גָאט וֶועט מִיר אוֹיךְ הֶעלפֶען ווִי אַלֶע יוּדֶען”... נָאךְ זַיין עֶרצֶעלוּנְג, אֵיין מָאל אִין דֶעם יָאהר № אָט מֶען גֶעטְרֶעבֶּעוֶועט אוֹיף דֶער מִלְחָמָה. עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן דֶעם זַאפַּאס. גֶעווהוֹינט הָאט עֶר דַאמָאלְס אִין דָארף רוּסְסַאוֶוע. אִין דֶעם פָּאטֶערס שְׁטִיבֶּעל וָואס אִיז אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען בִּירוּשָׁה. עֶר הָאט גֶעהָאט דָארְט אַ קְנֶעלוּנג מִיט קִינדֶער בַּיי דִי 4 יוּדֶען וָואס הָאבֶּען דָארט גֶעווהוֹינט. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט פוּן זִיךְ קְלַייבֶּען אִין וֶועג אוֹיף דֶער מִלְחָמָה. עֶר הָאט אוֹיף גִיךְ צוּנוֹף גֶענוּמֶען דָאס בִּיסֶעל גְרֶעט, דֶעם

גְרוֹיסֶען טַלּוֹת אוּנ טְפִילִין מִיט אַפָּאר נַייֶע טַלּוֹת ,קְטָנ׳ס, וֶועלכֶע זַיין וַוייבֶּעל גִיטֶעל הָאט אִיהם ,עֶרשְׁט גֶעבֶּעטֶען אוֹיף גֶענֵייֶעט. דִי לֶעצְטֶע הָאט ,עֶר גֶענוּמֶען פַאר אַ צֵייכֶען אַז מֶע זָאל אִיהם דֶערְקֶענֶען, טָאמֶער חָלִילָה הַרְגֶ׳עט מֶען אִיהם, ער הָאט זַייעֶר גֶעוָואלט לִיגֶען נָאר צְווִישֶׁען יוּדֶען... ,עֶר הָאט דָאס אַלֶעס אוֹיף גִיך פַּארְפַּאקְט אִין אַ זֶעקִיל ,עֶר הָאט זִיך אָנגֶעקוּשְׁט זַיינֶע קִינדֶערְלִיך אוּנ הָאט אוֹיך זִיך גֶעוָואלט גֶעזֶעגֶענֶען מִיט זַיין גִיטֶלֶען. נָאר זִי הָאט שְׁטַארק גֶעחַלֶש׳ט אוּן גֶעוֵוויינְט, זִיך גֶעשְׁלָאגֶען אִין ,קָאפּ אוּנ זִיך אָנגֶעטְשֶׁעפֶּעט אִין אִיהם אוּנ הָאט אִיהם נִיט אָפּגֶעלָאזְט—אִיך וֶועל שְׁטַארְבֶּען אָהן דִיר הָאט זִי אַלְס גֶעשְׁרִיגֶען.—גַמְלִיאֵל הָאט זִי וִוי וַוייט מֶעגְלִיך גֶעטְרֵייסְט. וָואס וֶועט זַיין מִיט אַלֶע יוּדֶען וֶועט זַיין מִיט מִיר אוֹיך... אִיך וֶועל זִיך אִי״ה אוּמְקֶערֶען גֶעזוּנד אַהֵיים... דֶערוַוייל נֶעהם צוּנוֹיף דִי 16 גִילְדֶען בַּיי מַיינֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים זֵיי וֶועלֶען דִיר גֶעוִויס נִיט אָנזֶעצֶען. אוּנ אוֹיף וַוייטֶער אִיז גָאט אַ פָּאטֶער, מֶע דֶערְצֵיילְט אַז דֶער ,,קֵיסַר הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ מַאנִיפֶעסְט: אַז דִי אוּפְּרַאוֶועס אָדֶער וָואלָאסְטֶען זָאלֶען צָאהלֶען פוּן ,קָהָל׳שֶׁער ,קָאססֶע דִי וַוייבֶּער אוֹיף צוּ לֶעבֶּען. אוּנ אַזוֹי וִוי אִיך וֶועל זַיין אִין ,קָאבְּצִינִיוֶוקֶע וֶועל אִיך בֵּייטֶען דֶעם סְטַארָאסְטַא ,עֶר זָאל דִיר תָּמִיד גֶעבֶּען צוּ דֶער צַייט... דִי זָאלְסְט, חַס וְחָלִילָה, נִיט דַארְפֶען לַיידֶען... זָארג זִיך נִיט! ,יִשְׂרָאֵלִיקֶ׳ען זָאלְסְט דִי זֶעהֶען גֶעבֶּען לֶערְנֶען.

ער האט אַ גוט קאָפּ. ער וועט זיין אַ תּלמיד חכם... מע שמועסט אַז קאַבצינעווקער בעלי־בתּים וועלען מאַכען אַ תּלמוד־תּורה און וועלען לערנען אָרוּמע קינדער אומזוּסט. זיי דאַרפען נאָר אַרויס נעמען עפּעס קאָראָבקע געלד... דער אָרִיאַדניק פּראָחאָר האט זיי צוגעזאָגט העלפען אין דרינגען... ער איז ניט קיין שלעכטער אָדון. דערוויל דורך דעם פּראָחאָר וואוינען מיר שוין דאָ פאַוואָלינקע צוויי יאָר. און ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס דער סאָטסקע שלעפּט מיך תּמיד אין וואָלאסט און שרייעט אַז איך האָב שוין ניט די רעכט צו וואוינען אין דאָרף, ווייל איך בין אַ צייט געוועזען אין שטעדטעל קאַבצינעווקע היים איך שוין אַ פּ״עמדער... „אַ נאָוואָסעלעץ". נאָר דער אָריאַדניק, זינט ער איז געוואָרען, ער זאָל דאָ טאַקע זיין תּמיד... איז דער סאָטסקע שלעפּט מיך שוין אויך ווינציגער!.. ער איז גאָר ניט קיין שלעכטער, מע דאַרף נאָר קענען מיט איהם אויסקומען... איך וועל איהם בעטען ער וועט דיך אויך ניט טשעפּען... פאַר די ערלים האסט די זיך אויך ניט וואָס צו שרעקען, זיי וועלען דיר די שטוב ניט אַראָפּוואַרפען... עס איז שוין דערוויל 2 יאָהר אַז זיי סטראַשען איך זאָל אָפּרייניגען דעם פּלאַטץ, פון דעסטוועגען שטעהט זי נאָך די...

עס ווייזט אויס אַז די אוּסלאָוויע וואָס זיי האָבען געמאַכט מיט מיין פאָטער, עליו השלום, האט יאָ אַ שטאַרק

קַייט!... עֶס אִיז דֶערְוַוייל נָאךְ אַ הַאלְבּ יָאהר צוּם סְרָאק, אוּנ דֶעמָאלְט... אוּנ דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ שׁוֹין נָאר קוּמֶען צוּרִיק... אִיךְ וֶועל מִסְתָּמָא גֶעפוּנֶען עֶפֶּעס אַ מִיטֶעל דֶערְצוּ... אוּן אֶפְשֶׁר וֶועט גָאט הֶעלְפֶען, עֶס וֶועט גָאר זַיין א מַאנִיפֶּעסט אוֹיף דֶארפֶער... וֶועל אִיךְ דֶעם סָאטסֶקע אוֹיךְ גֶעבֶּען אַ פַייג...

נָא וויין שׁוֹין נִיט!... גֶענוּג!... גָאט וֶועט הֶעלְפֶען!... הִיט אָפּ דִי קִינְדֶערלִיךְ, לָאז זַיי נִיט וויינֶען... הִיט אָפּ דָאס בַּעֲלֵי־בַּתִּישְׁקַייט!... בִּינד צוּנוֹיף דִי פִּיעסלִיךְ פוּן דֶעם טִישׁ... אִיךְ וֶועל אי״ה קוּמֶען, וֶועט דָאס חֶדֶר צוּרִיק זַיין אַ חֶדֶר... מַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועט מָען קֵיין אַנְדֶערֶען נִיט אַוֶועקגֶעבֶּען אַז אִיךְ וֶועל אי״ה קוּמֶען... נָא גֶענוּג שׁוֹין!... מֶען טָאר נִיט אַזוֹי פִּיעל ווינֶען, טִסְתָּמָא הֵייסְט גָאט אַזוֹי... וֶוען עֶר זָאל נִיט וֶועלֶען וָואלט קַיין מִלְחָמוֹת גָאר נִיט גֶעוֶועזֶען!... נָא גֶענוּג! לָאז מִיךְ שׁוֹין גֶעהן — הָאט עֶר גֶעבֶּעטֶען בַּיי זַיין גִיטֶעלֶען וֶועלכֶע הָאט זִיךְ נִיט גֶעקֶענט אָפְּרַייסֶען פוּן אִיהם... זִי וָואלט אִיהם אֶפְשֶׁר נָאךְ גֶעוֶועזען פַארהַאלטֶען, נָאר עֶס הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען דֶער גֶעוִוֶיסֶער סָאטסֶקע... מִיט דֶעם פַארבּוֹיגֶענֶעם שְׁטָעקֶען... עֶר דֶערְצֶעהלט הַיינט נִיט דִי גֶעוֶועהנלִיכֶע גֶעשִׁיכְטֶע „נָאוָואסֶעלֶעץ״... עֶר הָאט נָאר אוֹיף גִיךְ אוֹיסגֶעשְׁרִיגֶען אֵיין וָוארט „חָאדִים״. גַמְלִיאֵל פַארשְׁטֶעהט רִיכְטִיג דָאס וָוארט...

אַז מֶע רופט קען מען שוין אַזוי גראָב ניט זיין און ניט געהן... און אַזוי האט ער זיך אַרוים געריסען פון דער שטוב, ער האט אפילו נאך אַמאָל אָנגעקוקט ישׂראֵלֶיק'ען דער עלסטען זון און האט איהם געהייסען גוט לערנען און זיין פרום און ערליך...

די גאַנצע צייט וואס ער איז געווען אין שטוב האט ער נאָר געטרייסט זיין גיטלען און האט איהר ניט געהייסען וויינען, נאר באלד ער איז אַרויס פון דער שטוב אַזוי האבען זיך ביי איהם די אויגען אָנגעגאָסען, ער האט זיך אפילו געשטאַרקט ניט וויינען אויף דער גאַס, נאר די אויגען האָבען ניט אויסגעטריקענט. דאס האַרץ איז איהם געווען שטאַרק פארקלעהמט ער האָט געפיהלט אַז ער פאָהרט ניט אויף אַ קנעלונג (אוראַק)... אַז דאָס איז אַ שרעקליך מסוכנ'ער וועג... ער פאָהרט שטרעקען זיין לעבען אָדער אומברייננגען אַנדערע... אַזאַ פאָלק וועלכעס ער האט גאר ניט געקענט און אויף זיין לעבען ניט געזעהען... ער האט געוויסט אַז ער געהט פאַ־היטען אַ לאַנד. . . . .

נאָר ניט פאר דעם לאַנד איז זיין זאָרג, ער וואָלט אַוועק געגעבען אין גאַנצען זיין פארמעג—זיין שטובעל מיט דעם טיש... און וואָלט קיין האַנד ניט אויפגעהויבען אויף דעם וואס וואָלט דאָס פון איהם געפאָדערט... ער האט דאָס שוין צוריק מיט 2 יאָהר באַוויזען, ווען ער האט נאך גע-

ווהוינט אין שטאדטעל קאבציניוועקע ביי'ם שווער אויף קעסט ער איז געוועזען א פיינער בעל-הבית מיט בעלי-בתישקייט, מיט שעהן מעבעל און קליידער וועלכע ער האט נאך פון דער חתונה... האט זיך דאמאלס געמאכט איין אומגלוק — א פאגראם אין שטאדטעל... דער שווער האט דערהערט ווי עס קלינגען די שויבען פון די פענסטער, האט ער זיך געווענדעט צו גמליאל'ן: נעהם די האק אונטער דעם בעט, איך וועל נעהמען דעם האמער און מיר וועלען ניט אריין לאזען אין שטוב אריין... ניין שווער! האט ער געענטפערט, — זיי זינדיגען וועט זיי גאט שטראפען, מיר טאהרען ניט אויף הייבען די האנד אויף יענעם... אויב מע וועט צוברעכען דאס מעבעל, וועט אונז גאט העלפען אנדערש...

נאר די רוצחים האבען אידער דאס מעבעל צו בראכען פריער די קאפ געשפאלטען... און אזוי איז ער געבליבען אהן שווער און שוויגער... און אהן א פארמעג... אליין איז ער ארויס גלוקליך אפילו מיט א צושלאגענעם קאפ. נאר נאך די 3 וואכען וואס ער איז געלעגען אין שפיטאל, האט ער זיך אנגעהויבען פארריכטען און איז מיט דער צייט געזונד געווארען. עס איז שוין 2 יאהר, נאר ווען ער דערמאהנט זיך שטעלען זיך ביי איהם די האר קאפויר... און יעצט פאהרענדיג אויף דער מלחמה האט ער זיך דערמאהנט אין דעם אמאליגען אונגלוק. — אך ווי שרעקליך די מלחמה דארף זיין!

ער דערמאהנט זיך אין זיין צייט, ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד נעבען דעם שווער און שווינער וועלכע האבען אזוי שרעקליך זיך געוואָרפען און געשריגען... און איך מיט זיי... און איך האָב זיי ניט געקענט העלפען... און זיי מיר אויך ניט... אך ווי שרעקליך דאס איז! עס מאָהלט זיך איהם די בילד ווי ער איז גילעגען פארוואָרפען מיט צובראָכענע ביינקליך און פארשאָטען מיט פעדערען פון זיין בעטגע־וואָהנט וועלכעס עס איז געוועזען פארגאָסען און אָנגעקלעפּט מיט בלוט... אך! אין די באָלניצע! די געשרייהען וואס איך האָב זיך דאָרט אָן געהערט פון די איבעריגע... די ווינדען וואס איך האָב זיך אָנגעזעהען אויף יענע... איז די מלחמה אויך אזוי שרעקליך?... איז די מלחמה אויך אזוי שרעקליך?. די ציין קלאפּען ביי איהם אונטער... די אויגען ווערען ביי איהם אָנגעפיהלט, נאָר ער ווײנט ניט... מסתמא הייסט גאָט אזוי, טראַכט ער זיך... — סע איז א גזר פון דעם מלכות, די מלחמה... דאס איז ביי איהם געוועזען שטארק הייליג, ער איז געוועזען זעהר א פרומער און האָט שטארק געגלויבט אין די ווערטער פון פרק אבות: „בכל יום אתה מתפלל בשלמה של מלכות". די זאָלסט אַלע טאָג גאָט ביטען פאר דעם מלכות... און דאס איינציגע האָט איהם געטרייסט פון אַלעמען, ער האָט געוויסט אז ער געהט טוהן דעם מלכות באפעהל, אז דאס איז דעם מלכות וויהלען. דאס איינציגע

איז בײַ איהם געװעזען העכער פון האָער און לאַנדער פּאַר־היטען... נאָר װי אַזױ ער האָט זיך ניט געשטאַרקט זיך באַרוהיגען מיט די געפיהלען... איז װי אויף צו להכעיס האָבען זיך די שלעכטע בילדער אַרוים געדוקט אַרוים. איהם האָט זיך פאָרגעשטעלט אַז דער סאָטסקע קומט צו איהר, גוטלען אויף רופען אין װאָלאָסט... און דער קאָבצינױוקער סטאַראָסטאַ שיקט איהר קיין געלט ניט... און די קינדער... האָבען ניט... און װען דאָס איז פאַרשװינדען, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אַז אויף דער מלחמה איז הרוגים... מיט אַזעלכע שרעקליכע געשרייען װי אין שפּיטאָל, װי פאַר צװיי יאָהרען אין קאָבצינױוקע . . . אַך! דאָס איז איהם שרעקליך װאָס שרעקליכער קען שוין ניט זיין... דערבײַ האָבען זיך די אױגען אָנגעפיהלט מעהרער און צװיי קאָלעכיגע טרעהרען זענען אויף דער װיהע געבליבען הייגען אין דער לופטען, דאָס איז געװען אין דער צייט װען ער איז שוין געװעזען אין שטאָדט אויף דעם פּלאַץ צװישען חיל. איך בין דאָרט אויך געשטאַנען, איך האָב איהם געװאָלט באַהאַלטען ביז דעם פאַראַחאָד.

דאָס חיל איז שוין געשטאַנען גרייט אין אַ גלייכער שורה מיט די אָפיצערין צוזאַמען איך בין געשטאַנען אַקעגען צװישען דעם גרויסען עולם װאָס האָט געװאָלט זיין בײַם לעצטען געזעגענען... איך האָב דערװייל געװאָרפען אויגען,

וָואס פַאר אַ אַיינדרוּק עֶס מַאכט אוֹיף דֶעם חַיִל. אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערקט אֵייניגֶע וועֶלכֶע זֶענֶען גָאר גֶעשׁטַאנֶען פְרֵיילִיךְ, גְלַייךְ וִוי נִיט זֵיי מֵיינט מֶען... אַזֶעלכֶע אִיז אֲפִילוּ גֶעוֶועזֶען ווֶינצִיג. נָאר צוּם מֶענסטהֵייל הָאבֶּען זֵיי אִין זִיךְ וִוי עֶפֶּעס גֶעשׁלִינגְען, נָאר זִיךְ גֶעשׁטַארקט... אוֹיף אַיין אָפִּיצֶער הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערקט הָאט עֶפֶּעס זֵייעֶר אָפּט גֶעשׁנַייצט דִי נָאז אִין אַ וַוייס טִיכֶעל מִיט וועֶלכֶען עֶר הָאט פַארשׁטֶעלט דָאס גַאנצֶע גֶעזִוכט... נָאר בַּאלד אִיז עֶר גֶעשׁטַאנֶען סְטְרוֹינֶע גְלַייךְ אוּן גֶעוָוארפֶען אוֹיגֶען אוֹיף דִי סָאלְדַאטֶען. עֶס אִיז אוֹיף אִיהם נָאר גֶעוֶועזֶען צוּ בַּאמֶערְקֶען וִוי עֶר אִיז גֶעוֶועהן רוֹיטלִיךְ אוּן בַּאלד בְּלַייךְ אוּן וַוייטֶער רוֹיטלִיךְ. מַיין גַמְלִיאֵל אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גְלַייךְ וִוי אַ סָאסנֶע, נֶאר וִוילד שְׁטַארק פַאר־טְרַאכט גְלַייךְ וִוי עֶר אִיז נִיט אוֹיף דֶעם עוֹלָם... דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע טְרֶעהְרֶען זֶענֶען נָאךְ גֶעהַאנגֶען אִין דֶער לוּפטֶען, עֶס וַוייזט אוֹיס אַז עֶר הָאט מִיט קֵיין אוֹיג נִיט גֶעדִיהרט...

פְלוּצְלוּנג אַ קָאמַאנדַא — !смир—на! равняйся на право —

דָאס אִיז שׁוֹין דֶער גֶענֶעראַל גֶעקוּמֶען זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען מִיט דֶעם חַיִל. בַּאלד אִיז דָאס חַיִל גֶעבּלִיבֶּען שְׁטֶעהן גְלַייךְ וִוי סְטַאטוּיֶען מִיט אוֹיסגֶעדְרֶעהטֶע קָאפּ אוֹיף רֶעכטס אִין דֶער זַייט וִוי דֶער גֶענֶעראַל הָאט זִיךְ גֶעווִיזֶען. דֶער גֶענֶעראַל הָאט זִיךְ גֶעזְדָארָאווקֶעט מִיט דֶעם חַיִל אוּן אִיז מִיט זַיינֶע אַדְיוּטַאנְטֶען אִיבֶּערגֶעגַאנגֶען אוּן אִיבֶּערגֶעקוּקט אַלֶע שׁוּ־

רֶענגֶעס. אויךְ הָאבֶּען זַיי צוּזַאממֶען מִיט אִיהם גֶעוָוארפֶען אויגֶען אויף יֶעדֶען סָאלדַאט, בַּאזוּנדֶער אויף מַיין גַמְלִיאֵלְ'ן. עֶר אִיז אויךְ גֶעשְׁטַאנֶען גְלַייךְ וִוי אַ סְטַאטוּיֶע און הָאט מִיט קַיין אויג נִיט גֶערִיהרט. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אַיינגֶעקוּקט אִין זַיינֶע אויגֶען, הָאבּ אִיךְ בַּאמֶערקט אַז בַּיי דֶעם לִינְקֶען אויג אִיז נָאךְ גֶעהַאנגֶען אַ טְרֶעהר אִין דֶער לוּפְטֶען. דָאס אויג הָאט זִיךְ נִיט גֶערִיהרט און אַזוֹי הָאט דָאס קָאלֶעבִּיגֶע בַּאנקֶעלֶע זִיךְ גֶעשְׁפִּיגֶעלט אַקֶעגֶען דִי לֶעכטִיגֶע שְׁטְרַאהלֶען פוּן דֶער זוּנן און הָאט אִין זִיךְ אָפּגֶעשַׁיינט אַלֶע רַאדָאזֶנֶע פַארבֶּען, וִוי אִין אַ שֵׁיינֶעם פֶּערִיל.

נָאךְ דֶעם אִיבֶּערקוּקֶען דָאס חַיִל, הָאט דֶער גֶענֶערַאל גֶעהַאלטֶען אַ רֶעדֶע. פַאר דִי יוּדֶעשֶׁע סָאלדַאטֶען הָאט עֶר צוּגֶעגֶעבֶּען אַ בַּאזוּנדֶער טְהֵייל, מִיט דִי וֶוארטֶער: יוּדֶען! אִיהר דַארפט וִויסֶען אַז אִיהר גֶעהט טוּהן אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ — צוּ פַארהִיטֶען דֶעם קֵיסַר און פַאטֶערלַאנְד.

אִיךְ הָאף אַז אִיהר וֶועט אויךְ גְלַייךְ מִיט אַלֶע רִיכְטִיג אִיספָּאלנֶען אַייֶער הֵיילִיגֶען חוֹב, און וֶועט אויךְ אוּנְטֶערהַאלטֶען דֶעם כָּבוֹד און עֶהרֶע פוּן רוּססִישֶׁער גִיוֶועהר (כְּלֵי־זַיִן). אִיךְ בִּין שׁוֹין אַיין אַלְטֶער גֶעפְּרַאקטִיקִירטֶער סָאלדַאט. אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אִין עֶטלִיכֶע קָאמפַּאנִיֶעס און הָאבּ גֶעזֶעהֶען וִוי אַזוֹי יוּדֶען זֶענֶען זִיךְ מַפְקִיר אויף דֶער מִלְחָמָה פַאר זַייעֶר קֵיזָער און פַאטֶערלַאנד. אִיךְ הָאף אַז אִיהר וֶועט

אויך זיין ווי אַייערע עלטערען און ברודער און וועט יעצט אויך בעווייזען דאס זעלבע. איך פיעל אויך זעהר גוט ווי איהר שעצט זיך זעהר גלוקליך וואס איז געקומען די צייט איהר זאלט מיט גאט'ס הילף אויספיהרען די הייליגע זאַדאַטשע, וועלכע איז אויף אייך אַרויף געלייגט געוואָרען. איך גלויב אַז איהר זענט באַדרע און פריילך... און אויב איך האָב ביי איינעם פון אייך באַמערקט אַ טרעהר, גלויב איך אַז דאס איז נאָר פאר גרויס פרייד. ווייל פון גרויס פרייד גיסען זיך אויך אַ מאָהל טרעהרען...

איך האָב אין דער צייט געוואָרפען אַ בליק אויף מיין גמליאלען. ער איז געשטאַנען אין דער זעלבער פּאָזע ווי פריהער. ער האט ניט גערירט מיט קיין אויג. דער גרויסער טרעהר איז נאָך געהאַנגען אין דער לופטען ווי פריהער. עס ווייזט אויס אַז ער האט די רעדע ניט געהערט... אָדער ער האט גאָר אויף זיך די טרעהר ניט געפיהלט...

דער גענעראַל האָט געענדיגט די רעדע מיט דעם געוועהנליכען ניסח, אַז זיי זאָלען זיך שלאָגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט. נאָר בייקומען דעם שונא. ווען עס וועט קיין קוהלען ניט סטייהען זאָלען זיי באַנוטצען דעם שטיק, דעם פריקלאַד, דעם קאָלאַק אין צום לעצט ווען ער וועט אויך מיעד ווערען, זיך איין גראָבען אין שונא מיט די ציין... עס האָט געגעבען אַ דענער, אַ שטאַרקער האַראַ!

איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף מיין גמליאל׳ען, ער האָט זיך אין דער צייט אַ שטאַרקען וואָרף און ציטער געטוהן, דער שטאַרקער געשריי האָט איהם ווי פון אַ שלאָף אויף געוועקט... ער האָט אויסגעשטרעקט אַפּאָר ווילדע אויגען, און האָט זיך אומגעקוקט אין די זייטען גלייך ווי ער האָט עפּעס געזוכט...

אין דער זעלבער צייט האָט זיך ביי איהם פון דעם אַנדערען אויג אַ קאַלעכיג באַנקעלע אַרויס געקייקעלט און איז אויך גלייך מיט דעם ערשטען געבליבען הייגען אין דער לופטען אויף דער אונטערשטער וויהע... נאָר ניט לאַנג האָבען די צוויי פּעריל געבלאַסקעט אַ קענען דער זונן, נאָר באַלד האָבען זיי זיך מיט אַמאָהל אַ קייקעל געטוהן. און זענען אויף ניך אַראָפּ אויף די בלייכע באַקען, זיי האָבען זיך אַ גלוטש געטוהן אַראָפּ נאָר קומענדיג ביי האַלב צו די איינגעפאַלענע גריבעלאך האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַמאָהל געשפּרינגען אַראָפּ און פאַרזינקען אין טיעפען זאמד . . .

באַלד איז געוועזען אַ קאָמאַנדאַ :--שאַגאם מאַרש! די גאַנצע שירענגע האָט זיך אַ ריהר געטוהן און איז באַלד אַרויף אויף דעם בריקעל פון פאַראָחאָד איך בין זיי נאָך געגאַנגען פון אונטען. ווען איך בין געקומען צו דעם אָרט

װי גַמְלִיאֵל איז גֶעשטַאנֶען הָאבּ איך זיך אָנגְעבּויגֶען... איך הָאבּ גֶעמֵיינט אַז איך װֶעל נָאך זֶעהֶען די טְרֶעהֶרֶען בְּלַיאס־קֶען אַקֶעגֶען דֶער זוּנְן װִי פְרִיעֶר... נָאר אוּמזוּסט... זֵיי זֶע־נֶען שׁוֹין גֶעוֶועזֶען פַארְטרִיקֶעט און מִיסט...

איך בִּין דַאמָאלס גֶעוֶועזֶען אַ יוּנגֶעל פוּן אַ יָאהר 12.
איך הָאבּ אַלַאנגֶע צַייט בִּיז איך בִּין צוּ מַיין רֶעכטֶען שֵׂכֶל גֶעקוּמֶען גֶעגלויבּט אַז דַאמָאלס איז נִיט גֶעוֶועןֶ קֵיין טְרֶעה־רֶען... נָאר דֶער גְלַאנץ פוּן דִי אוֹיגֶען איז אִיהם אַרוֹיס גֶע־פַאלֶען... וַוייל אַ חוּץ דִי אַלֶע חִסְרוֹנוֹת (פֶעהלֶערֶען)... װָאס עֶר הָאט דֶערנָאך בֶּעקוּמֶען איז עֶר גֶעוָוארֶען אויך בְּלִינד אוֹיף דִי אוֹיגֶען... זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אֲפִילוּ אָפּפֶען נָאר אַזוֹי װִי פוּן לֵיים אָהן אַיין שׁוּם גְלַאנץ . . .

דֶערמִיט הָאט גֶעעֶנדִיגט דֶער יוּנגֶער מַאן זַיין עֶרצֶעה־לוּנג, איך הָאבּ זִיך אַיינגֶעקוּקט אין זַיין גֶעזִיכט, הָאבּ איך בַּיי אִיהם אין דִי אוֹיגֶען דִי 2 גְרוֹיסֶע קַאלֶעכִיגֶע גְלַאנצִיגֶע בַּאנֶקעלֶעך גֶעזֶעהֶען . . .

דָאס גְלויבֶּען אִין הָאפנונג.

דִי האָפנונג, דאָס גלויבען, די טרייסט, די נחמה,
ווי גלוקליך איז דער מענש ווי איהר געפינט זיך אין זיין הארצען,
מיט די גרעסטע ליידען און אומגלוקען פיהרט איהר אַ מלחמה.
איהר היילט די ווינדען און פארגיסט די שמערצען.

שלעכט איז דעם וואס האט די האפנונג פערלארען,
ביטער איז דעם וואס ווייסט ניט פון קיין גלויבען,
ביי יעדער קלייניקייט פארשעלט ער זיך זיין געבארען.
די קלענסטע שרעק טוהט ביי איהם זיין גלוק רויבען.

נאר נישט יעדער קען אייך גלויבען און האפגונג געפונען.
דען איהר לאזט זיך מיט גויט נישט נעמען,
אויב איהר ווילט אליין צו יענעם נישט קומען.
איז אומזוסט די מיה פון דעם וועלכען איהר ווילט ניט קענען.

נאר ניט צו אייך אליין וואלט איך זיך געבוקט,
ווען איהר ברייגגט די וואהרהייט און ווירקליכקייט אויך מיט,
אט דאמאלס וואלט איך אויף אייך אנדעריש געקוקט.
דאמאלס וואלט איך אייך גישעצט און געהיט.

פרייז 5 קאפ.

ר׳ גמליאל
קומט פון דער מלחמה

א ביסעלע גישיכטע פון די ביטערע צייטען.

פערפאסט פון י. קאנטאר.